בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# דֶערְשְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט

**דִי שֵׁיינְקַייט פוּן אַ אִיד אִיז אַז עֶר דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט אַפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּיי אַ צַדִיק אַפִילוּ וֶוען יֶעדֶער קְרִיגְט אוֹיף אִים, דַאן וֶוערְט אִים מוֹרָא'דִיג לֶעכְטִיג אִין לֶעבְּן, ווָאוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.**

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

לֵיל שִׁשִּׁי וַיֵּשֶׁב תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - קִרְיַת יוֹאֵל יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# דֶערְשְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט

## א.

## אַבִּיסְל מְנוּחָה אוֹיף דֶער וֶועלְט

דִי תּוֹרָה זָאגְט וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב וְגוֹ׳ (בְּרֵאשִׁית לז, א), יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעוָואלְט אַבִּיסְל זִיצְן רוּאִיג מִיט מְנוּחָה, בִּיזְדֶערְוַוייל אִיז אִים אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן יוֹסֵף; אַלֶע צַדִיקִים ווִילְן הָאבְּן אַבִּיסְל מְנוּחָה אוּן רוּאִיגְקֵייט, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - נִישְׁט גֶענוּג וָואס עֶס אִיז זֵיי צוּגֶעגְרֵייט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט וִוילְן זֵיי נָאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיךְ הָאבְּן שַׁלְוָה (עַיֵּין בְּרַשִׁ״י שָׁם פָּסוּק

ב). שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע: פַארְוָואס טַאקֶע זָאלְן דִי צַדִיקִים נִישְׁט הָאבְּן אַבִּיסְל שַׁלְוָה אוּן מְנוּחָה אוֹיף דִי וֶועלְט? פַארְוָואס קוּמְט זֵיי מֶען זָאל זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק רוֹדֵפ׳ן, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַזַאלֶעכֶע צָרוֹת?!

## דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגֶעלְטְן חָסִיד

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תקנה): דוּ וֵוייסְט נָאכְנִישְׁט וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל? דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגֶעלְטְן מֶענְטְשׁ! אִין הִימְל אִיז מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן כָאטְשִׁיג עֶר פְּרֶעגֶלְט זִיךְ אִין צָרוֹת, עֶר פִּילְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְפְּלָאנְטֶערְט אִין זַיין מַצָב, דָאךְ מִיט דִי אַלֶע צָרוֹת קֶען עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דָאס אִיז אִין הִימְל דִי גְרֶעסְטֶע חֲשִׁיבוּת.

## יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעדַארְפְט דֶערְהַאלְטְן

דָאס זֶעהט מֶען בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ, נָאךְ אַלֶעם וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶעמַאכְט, אַנְטְלוֹיפְנְדִיג פוּן זַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂיו עֶר זָאל אִים נִישְׁט הַרְגֶ'נֶען, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין מִיט מַזָל אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לָבָן, אוּן נָאךְ אַסַאךְ צָרוֹת אוּן פָּאפֶּעַריי פוּן לָבָן הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ בַּאקוּמֶען זַיין שִׁידוּךְ, נָאכְדֶעם בִּיז עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען זִיךְ אַרוֹיסְצוּדֶערְוִוישְׁן פוּן אִים, בִּיז עֶר אִיז עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק בְּשָׁלוֹם צוּ זַיין עֶלְטֶערֶענְס וואוֹינוּנְגְס פְּלַאץ, עֶר זִיצְט שׁוֹין אִין חֶבְרוֹן אוּן לֶערְנְט מִיט זַיין זוּהְן יוֹסֵף, יֶעצְט הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ פְּרִישֶׁע צָרָה, דִי מַחְלוֹקֶת פוּן דִי בְּרוּדֶערְס מִיט יוֹסֵף וְכוּ', דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִימוּד וִוי שְׁטַארְק אַ אִיד דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן צוּ דִי אָבוֹת אִיז נִישְׁט סְתָּם

מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיז אַמָאל פָארְגֶעקוּמֶען אוּן פֶערְטִיג (עַיֵּין רַמְבַּ״ן בְּרֵאשִׁית לב, ו), דִי תּוֹרָה אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶע תּוֹרָה, אַ אֵייבִּיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז מִיט דֶעם אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

## לֶעבְּן מִיט דִי סֶדְרָה

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג נָאכְזָאגְן פוּן זַיין רֶבִּי׳ן דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז ״אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי צַייט״; הָאט עֶר מַסְבִּיר גֶעוֶוען דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה. דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאך אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, אַזוֹי לֶעבְּט מֶען מִיט מִיט דִי סֶדְרָה, אוּן אַלֶעס פִירְט זִיךְ לוֹיט דִי סֶדְרָה וָואס מֶען לֶערְנְט, אוּן

וֶוען מֶען לֶערְנְט אִין דִי סֶדְרָה דִי אַלֶע צָרוֹת וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט מִיטְגֶעמַאכְט אוּן דָאךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן גֶעבְּט דָאס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע חִיזוּק פַאר יֶעדְן אִיד זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

## יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין מַתָּנוֹת פַאר דִי כַּלָה

אַמָאל אִיז צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען אַ חָתָן נָאכְן טוּהן אַ פֵיינֶעם שִׁידוּךְ, אָבֶער עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין טְרָאפּ גֶעלְט צוּ קוֹיפְן מַתָּנוֹת פַאר דִי כַּלָה, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן בַּארוּאִיגְט אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט צוּ גֶעבְּן מַתָּנוֹת פַאר דִי כַּלָה. עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין צוּ דִי כַּלָה מִיט

בְּלוֹיז אַ שְׁטֶעקֶן אִין דִי הַאנְט... (בְּרֵאשִׁית לב, יא; וְעַיֵין רַשִׁ״י כט, יא), וָואסְפַארַא בּוּשׁוֹת עֶר הָאט גֶעהַאט קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אַ חָתָן קוּמְט צוּ דִי כַּלָה וִוי אַ שְׁלֶעפֶּער אָן קֵיין אֵיין מַתָּנָה, אָבֶער דָאךְ הָאט זִיךְ יַעֲקֹב אָבִינוּ דֶערְהַאלְטְן.

## בַּיי דִיר אִיז אוֹיךְ דָא סוֹדוֹת הַתּוֹרָה

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער חָתָן צוּ רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: פַארְוָואס שְׁטֶעלְט אִיר מִיךְ בִּכְלַל צוּ צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ, בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז דָאךְ זִיכֶער גֶעוֶוען סוֹדוֹת הַתּוֹרָה?! הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״בַּיי דִיר אִיז אוֹיךְ דָא סוֹדוֹת הַתּוֹרָה״; יֶעדֶער אִיד אִיז אַ ׳חֵלֶק אֱלוֹהַ מִמַּעַל׳, און פוּן אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אִים אִיבֶּער וֶוערְט אַ סֵפֶר, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ה, א): זֶה סֵפֶר תּוֹלְדוֹת אָדָם – אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְצֶער

לֶעבְּן וֶוערְט בַּאשְׁרִיבְּן אִין אַ סֵפֶר; אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זֶעהט עֶר אִינֶעם סֵפֶר זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּנְס בִּיָאגְרַאפְיֶע. דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת ב, א): דַּע מַה לְמַעְלָה מִמְּךָ, עַיִן רוֹאֶה, וְאֹזֶן שׁוֹמַעַת, וְכָל מַעֲשֶׂיךָ בְּסֵפֶר נִכְתָּבִין; אִין הִימְל וֶוערְט פּוּנְקְטְלִיך אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן וָואס דוּ טוּסְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט דִיר אִיבֶּער דָא וֶוערְט פַארְצֵייכְנְט אִין דַיין סֵפֶר וָואס גֶעפוּנְט זִיך אוֹיבְּן (עַיֵין מַה שֶׁכָּתַב מוֹהֲרָא״שׁ זַ״ל בְּסֵפֶר ״חַסְדֵי אָבוֹת״ עַל מִשְׁנָה זוֹ, שֶׁפֵּרוּשׁ זֶה שָׁמַע בַּחֲלוֹם הַלַּיְלָה).

## וָואס גֵייט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעאַגִירְן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן בָּקִי רֶבִּי בֶּערְל חַיָה׳לֶעס זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה [אַמָאל פְלֶעגְט מֶען רוּפְן מֶענְטְשְׁן אוֹיף דִי מַאמֶעס נָאמֶען], עֶר

## דֶערְשְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט

אִיז גֶעוֶוען רָב אִין שְׁטָאט לָאדִיזִין, אָבֶער עֶר הָאט אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ אַהִינְגֶעצוֹיגְן אוּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן זַיין רַבָּנוּת אִין לָאדִיזִין, אוּן וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי בַּאקַאנְט אִין אַלֶע סְפָרִים, פְלֶעגְט עֶר מִיטְגֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן נ') דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר נָאכְגֶעזָאגְט תּוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהן אִין פַארְשִׁידֶענֶע סְפָרִים, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶעהן וָואס דֶער רֶבִּי גֵייט רֶעאַגִירְן אוֹיף יֶעדֶע סֵפֶר, אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר בַּאוואוּנְדֶערְט אַ תּוֹרָה, אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעמַאכְט וְכוּ' (עַיֵין עוֹד בַּהַקְדָמָה לְסֵפֶר הַמִּדּוֹת - דְּפוּס יָשָׁן).

## פוּן דַיין לֶעבְּן שְׁרַייבְּט מֶען אוֹיךְ אַ סֵפֶר

אֵיינְמָאל הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי׳ן אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהן אִין אַ סֵפֶר, אוֹיף דֶעם וָואס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט: וֶוען רְאוּבֵן וָואלְט גֶעוואוּסְט אַז עֶס וֶועט אַרוֹיס שְׁטֵיין אִין דִי תּוֹרָה אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט רַאטֶעוֶוען יוֹסֵף, אוּן נָאר וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִים אַרַיינְוַוארְפְן אִין גְרוּבּ (בְּרֵאשִׁית לז, כב; וְעַיֵין בְּרַשִׁ״י), אוּן אַלֶע אִידְן וֶועלְן דָאס לֵיינֶען אִין דִי סֶדְרָה, וָואלְט עֶר גְלַייך אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט יוֹסֵף אוֹיף זַיין אַקְסְלֶען אוּן גֶעלָאפְן מִיט שִׂמְחָה אִים צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם טַאטְן יַעֲקֹב (וַיִקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה לד, ח); הָאט עֶר נָאכְגֶעזָאגְט פוּן אַ סֵפֶר אַז דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, וֶוען עֶר זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְך וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן מֶען וֶועט דָארְט

פָארְלֶערְנֶען זַיין גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא פוּן לֶעבְּן, וָואלְט עֶר נִישְׁט אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג, עֶר וָואלְט גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה, אוּן עֶר וָואלְט מוֹרָא׳דִיג אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף יֶעדֶע זַאך וָואס עֶר טוּט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר בַּאווּאוּנְדֶערְט דֶעם פְּשַׁט, אוּן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

## דֶערְהַאלְט זִיךְ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן

דֶערְפַאר וֶוען מֶען לֶערְנְט אִין דִי תּוֹרָה, וָואס דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט, וָואס דִי שְׁבָטִים הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט, וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אַלְץ מִיטְגֶעמַאכְט, נָאכְדֶעם וָואס דִי נְבִיאִים הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט, גֶעבְּט דָאס אַ מוֹרָא׳דִיגֶער חִיזוּק פַאר יֶעדְן אִיד זִיךְ אוֹיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, וַוייל פוּן אִים וֶועט

אוֹיךְ זַיין אַ סֵפֶר אַרֵיינְגֶעשְׁרִיבְּן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן; אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶע מֶענְטְש מוּז דוּרְכְגֵיין אִין לֶעבְּן שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן זַיינֶע צָרוֹת, אוּן אוֹיבּ קֶען עֶר זִיךְ גוּט שֵׁיין דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט צוּפַאלְן, וֶועט עֶר בַּיים סוֹף גֶעהָאלְפְן מִיט זֵייעֶר שֵׁיינֶע יְשׁוּעוֹת, אָבֶּער בַּיים אָנְפַאנְג וֶוען עֶס אִיז בִּיטֶער אוּן עֶנְג, וֶוען אַלֶע רֶעדְן אוֹיף אִים, אַלֶע קְרִיגְן אוֹיף אִים, אַלֶע זֶענֶען אַקֶעגְן אִים, אִיז מוֹרָא׳דִיג מוֹרָא׳דִיג שְׁוֶוער, אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען זִיךְ דֶעמָאלְטְס דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן דָאס אִיז אַ חִידוּשׁ.

## װעמֶען בִּיסְטוּ מְקַנֵא ?

גֶעװֶוענְטְלִיךְ זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מְקַנֵא אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, יֶעדֶעם דַאכְט זִיךְ אַז דֶעם צְוֵוייטְן פֶּעלְט גָארְנִישְׁט, נָאר אוֹיף אִים גֵייט אִיבֶּער, דָאס אִיז אָבֶּער אַ מוֹרָא׳דִיגֶער טָעוּת, וַוייל אוֹיף יֶעדְן אִין דֶער וֶועלְט גֵייט אִיבֶּער, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם ? נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער וַואשְׁט זַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע וֶועשׂ בָּרַבִּים... אָבֶּער אִיבֶּערְגֵיין גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער אוֹיף זַיין שְׁטֵייגֶער, פַּאר אַ בָּחוּר אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער וַוייל עֶר דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז וַוייטֶער בִּיטֶער וַוייל מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי מֶען הַאנְדְלְט אִין שְׁטוּב, עֶס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע חָכְמָה וִוי אַזוֹי מֶען הַאלְט אַ שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיךְ

וָואלְט נָאכְאַמָאל גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן אַזוֹיפִיל בֶּענֶדֶער לִקוּטֵי הֲלָכוֹת אוֹיף אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וְוִי אַזוֹי מַאן אוּן וַוייבּ דַארְפְן לֶעבְּן. אֵיינֶער לַיידְט נֶעבֶּעך פוּן קִינְדֶער, אֵיינֶער לַיידְט פוּן שְׁלֶעכְטֶע שְׁכֵנִים, אֵיינֶער פוּן שְׁוֶוערֶע קָאסְטוּמֶערְס, אֵיינֶער הָאט פַארְבָּארְגְט דִי גֶעלְט אוּן מֶען הָאט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק גֶעגֶעבְּן, בְּקִיצוּר עֶס פֶעלְט נִישְׁט קֵיין צָרוֹת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, דֶערִיבֶּער מוּז מֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְחַזְקוּת, דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקַייט פוּן אַ אִיד, אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא זַיין.

## אוֹיבּ יָא צָרוֹת זָאל אִיךְ כָאטְשׁ זַיין אַ צַדִיק

מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ד, טו) רֶבִּי יַנַאי הָאט גֶעזָאגְט: אוּנְז הָאמִיר נִישְׁט דִי מְנוּחָה וָואס רְשָׁעִים הָאבְּן, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט דִי יְסוּרִים פוּן דִי צַדִיקִים; הָאבּ

אִיךְ אַמָאל גֶעטַייטְשְׁט, אַז רֶבִּי יַנַּאי אִיז גֶעוֶוען אַזאַ עָנָיו אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט, נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט; דִי וֶועלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין רָשָׁע, וַוייל אַז אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אַ רָשָׁע וָואלְט אִיךְ כָאטְשׁ גֶעהַאט דִי שַׁלְוָה אוּן מְנוּחָה וָואס אַ רָשָׁע הָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווִידֶער אַ צַדִיק בִּין אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט, וַוייל דִי מוֹרָא'דִיגֶע יְסוּרִים וָואס דִי צַדִיקִים דַארְפְן לַיידְן אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט, דֶערְפַאר הָאט רֶבִּי יַנַּאי גֶעזָאגְט: ״גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין רָשָׁע אוּן נִישְׁט קֵיין צַדִיק, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט״.

## ב.

## דוּ מֵיינְסְט דָאס אֱמֶת׳דִיג צוּ נִישְׁט

נָאך אַ טַעַם אִיז דָא פַארְוָואס צַדִיקִים דַארְפְן אַזוֹיפִיל לַיידְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רכח): וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעהט אַז עֶס אִיז דָא אַ נְשָׁמָה וָואס קֶען מְקָרֵב זַיין אַנְדֶערֶע צוּם בַּאשֶׁעפֶער, שְׁטֶעלְט עֶר אַלֵיין אוֹיף מַחֲלוֹקֶת אוֹיף אִים, וַוייל מֶען ווִיל זֶעהן פוּן הִימְל צוּ דִי וָואס וֶוערְן מְקוּרָב מֵיינֶען דָאס אֱמֶת׳דִיג, אוּן נִישְׁט וַוייל דָארְט אִיז דָא כָּבוֹד, עֶס טְרָאגְט אַ קְלִינְגֶעדִיגְן נָאמֶען, פַארְקֶערְט עֶס אִיז אַרָאפְּגֶעקוּקְט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס אִיז דָא דָארְט נָאר בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, אָבֶער אוֹיב קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּיי דֶעם צַדִיק, דֶעמָאלְטְס אִיז

אַ סִימָן אַז מֶען מֵיינְט עֶס אֶמֶת'דִיג, וֶועגְן דֶעם גֶעפוּנֶען מִיר אוֹיךְ (יְבָמוֹת כד ע"ב) אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מֶער נִישְׁט אָנְנֶעמֶען קֵיין גֵרִים, וַוייל אִידְן וֶועלְן שׁוֹין דֶעמָאלְטְס זַיין אוֹיפְן הֶעכְסְטְן פַּארְנֶעם, אַוַודַאי וֶועט יֶעדֶער וֶועלְן זַיין אַ אִיד, אָבֶער דָאס אִיז שׁוֹין נִישְׁט אֶמֶת'דִיג, נָאר יֶעצְט וֶוען אִידְן זֶענֶען נָאךְ אִין גָלוּת אַרָאפְּגֶעקוּקְט צוּ שַׁאנְד אוּן צוּשְׁפָּאט, דָאךְ קוּמְסְטוּ זִיךְ מְגַיֵיר זַיין, דַאן אִיז אַ סִימָן אַז דוּ מֵיינְסְט עֶס אֶמֶת'דִיג; וֶועגְן דֶעם וֶוען יַעֲקֹב הָאט גֶעוָואלְט זִיצְן בְּשַׁלְוָה, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶס קֶען נִישְׁט גֵיין אַזוֹי, וִויבַּאלְד עֶר מַאכְט גֵרִים אוּן עֶר אִיז מְקָרֵב רְחוֹקִים מוּז זַיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף אִים, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב אֶמֶת, אַז מֶען קוּמְט

נָאר וַוייל מֶען וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, וואוּ זוּכְסְטוּ אִים?

וָואס הֵייסְט דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? זָאגְט מֶען נָאך אַ וֶוערְטְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן קָאצְקֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז אֵיינֶער הָאט אִים אַמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: דִין זִיךְ עֶנדֶערְשֶׁער, דֶער בַּאשֶׁעפֶער כִּבְיָכוֹל אִיז שׁוֹין גֶענוּג דִין! דִין - מֵיינְט אֵיידְל; דָאס הֵייסְט, עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיין אוֹיסְאֵיידְלֶען נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קא): ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פָּשׁוּט מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס פַּשְׁטוּת״. אִין דִי וֶוערְטֶער לִיגְט דִי גַאנְצֶע סוֹד פוּן דִי בְּרִיאָה, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וִויל שְׁטֶענְדִיג נָאר זַיין

הֶעכֶער און הֶעכֶער, עֶר ווִיל עֶפֶּעס מֶער און אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְטְלִיךְ, און וֶועגְן דֶעם זוּכְן מֶענְטְשְׁן שְׁטֶענְדִיג נָאכְצוּמַאכְן אַ גֶעוִויסֶע גֶעהוֹיבֶּענֶער חָסִיד וָואס הָאט גֶעטוּהן סְפֶּעצִיעֶלֶע עֲבוֹדוֹת וְכוּ׳, מֶען טְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר אַזוֹי וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען בִּיזְן אֵייבֶּערְשְׁטְן... בִּשְׁעַת דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא בַּיי דִיר אִין דִיר גֶעבְן דִיר, נָאר עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן פָּשׁוּט מִיטְן גְרֶעסְטְן פַּשְׁטוּת, און פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס לוּפְט אִיז, ווִי אַזוֹי עֶס זֶעהט אוֹיס, און וֶועלֶעכֶע קָאלִיר דָאס הָאט, כָאטְשִׁיג דוּ אָטֶעמְסְט שְׁטֶענְדִיג לוּפְט און דָאס אִיז דַיין לֶעבְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס כִּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, כָאטְשִׁיג עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, נָאר אַז אֵיינֶער הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז עֶר שְׁפִּירְט אָפְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר קֶען נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אָטֶעמְט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זַיין גַאנְצֶע רֶעדְן אִיז נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל עֶר זֶעהט אָפֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער דָאךְ קֶען עֶר דִיר עֶס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין לוּפְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סב).

## דוּ בִּיסְט אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַ יֶעדֶער אִיד אָן אַ אוֹיסְנַאם הָאט אַ שַׁיְיכוּת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ גֶעוִויסְן מֶענְטְשׁ פַאר אַ סֶעמְפְּל אוּן זָאגְן אַז נָאר דָאס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, קוֹדֶם וַוייל מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וֶוער עֶס אִיז בֶּאֱמֶת חָשׁוּב

אִין הִימְל, נָאר אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז טַאקֶע אַ פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ, אַמָאל אַזַא צוּבְּרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְן בַּאשֶׁעפֶער מַאכְט דָאס אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיסְרַייסְן דִי אַלֶע אָפְּטֵיילוּנְגֶען בַּיי אִידְן, דֶער אִיז גְרוֹיס אוּן דֶער אִיז קְלֵיין, דֶער אִיז מֶער אוּן דֶער אִיז וֵוייניגֶער וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אַז מֶען כַאפְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְקֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, אוּן יֶעדֶער אִיד קֶען זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## פַארְוָואס בְּרֶסְלֶב אִיז נָאר מְחַזֵק?

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶע שְׁאֵלָה: פַארְוָואס אִין בְּרֶסְלֶב אִיז מֶען מְחַזֵק יֶעדְן און שְׁטֶענְדִיג רֶעדְט מֶען נָאר הִתְחַזְקוּת, און בַּיי אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער רֶעדְט מֶען פוּן הִתְעוֹרְרוּת, מֶען זָאגְט מוּסָר, מֶען אִיז מְעוֹרֵר דֶעם עוֹלָם און מֶען מַאכְט וֵויינֶען וְכוּ׳, פַארְוָואס אִין בְּרֶסְלֶב אִיז מֶען נָאר פַארְנוּמֶען מִיט הִתְחַזְקוּת?!

## הִתְחַזְקוּת טוּט דִי בֶּעסְטֶע אַרְבֶּעט

דִי תִּירוּץ אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: אַ הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן הִתְחַזְקוּת אִיז אַן אַנְדֶערֶע סָארְט הִתְעוֹרְרוּת און דָאס הַאלְט זִיךְ, אָבֶער אַ הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט

אַרוֹיס פוּן אַ הִתְעוֹרְרוּת הַאלְט זִיך נִישְׁט אוּן נָאכְדֶעם וֶועט דָאס אַוֶועקְפַאלְן. דָאס זֶעהט מֶען בְּחוּשׁ, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן בַּאקוּמֶען אַסַאך הִתְחַזְקוּת, פְּלוּצְלִינְג הֵייבְּט עֶר אָן צוּ בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הֵייבְּט אוֹיך אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הֵייבְּט אוֹיך אָן צוּ לֶערְנֶען אִין אַ סֵדֶר מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא מֶדְרָשׁ, וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן ? אִיךְ הָאבּ דִיר דָאךְ נָאר מְחַזֵק גֶעוֶועןְ ? אָבֶּער וִויבַּאלְד דִי הִתְעוֹרְרוּת אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן הִתְחַזְקוּת הָאט דָאס אַ קִיוּם.

## אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ כַאפְּן וֶוער אִיךְ בִּין

אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט נָאךְ אַ פָּשׁוּטֶ׳ע טַעַם, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן עב): פוּן וִוי וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז מְקוּרָב צוּ אַן

אֶמֶת'ן צַדִיק? מֶען קֶען דָאךְ זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק נַארְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא), יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט אַז עֶר אִיז אִין אֶמֶת אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז אִין שֶׁקֶר, אוֹיבּ אַזוֹי פוּן וואוּ קֶען אִיךְ טַאקֶע וִויסְן צִי אִיךְ בִּין מְקוּרָב צוּ אַן אֶמֶת'ן צַדִיק, אֶפְשֶׁר נַאר אִיךְ זִיךְ גוּט אָפּ? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: בַּיי אַן אֶמֶת'עֶן צַדִיק בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת, מֶען הֵייבְּט אָן אֵיינְצוּזֶעהן וֶוער מֶען אִיז, בִּיז יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעמֵיינְט אַז דוּ בִּיסְט וֶוער וֵוייסְט וָואס, אֵיינְמָאל דוּ קוּמְסְט צוּם צַדִיק עֶפֶענְט עֶר דִיר אוֹיף דִי אוֹיגְן, דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ זֶעהן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן קוּקְן אוֹיף דִיר אַלֵיין, וִוי אַזוֹי דוּ קוּקְסְט אוֹיס, וָואסְפַארַא פָּנִים דוּ טְרָאגְסְט אוּן וָואסְפַארַא מִדוֹת דוּ הָאסְט (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן

סז), און וְוִיבַּאלְד בַּיים אֶמֶת'עֶן צַדִיק פַאלְט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׁפְלוּת, און עֶר הֵייבְּט אָן צוּ כַאפְּן וָואס עֶר הָאט אַלְץ אָפְּגֶעטוּהן, וֶוערְט עֶר דָאךְ אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, דֶערִיבֶּער מוּז מֶען הָאבְּן מוֹרָא'דִיג אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת.

## יֶעצְט דַארְף אִיךְ שׁוֹין הִתְחַזְקוּת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נו): עֶס אִיז דָא צְוֵויי עֶרְלֵיי הַסְתָּרוֹת, אַמָאל אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְשְׁטֶעלְט מִיט אֵיין הַסְתָּרָה, וָואס דֶעמָאלְטְס אֲפִילוּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז טַאקֶע בַּאהַאלְטְן, דָאךְ וֵוייס אִיךְ כָאטְשׁ אַז אִיךְ בִּין וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, און אִיךְ וֶועל אִים אָנְהֵייבְּן צוּ זוּכְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וואוּ בִּיסְטוּ? וואוּ בַּאהַאלְטְסְטוּ זִיךְ? (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יב), אָבֶּער אַמָאל אִיז נֶעבֶּעךְ דָא אַן הַסְתָּרָה

שבתוך הסתרה, איך ווייס שוין אפילו נישט אז איך בין ווייט, עס דאכט זיך מיר אז איך בין נאנט צום באשעפער און עס פעלט מיר גארנישט, "די בעלי תשובות דארף מען מקרב זיין, אבער אונז פעלט גארנישט, מיר זענען בתכלית השלימות", דאן איז שוין זייער ביטער! און דאס איז די קללה וואס די תורה זאגט (דברים לא, יח): וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא - עס וועט קומען א צייט וואס איך וועל באהאלטן פון דיר אז איך בין באהאלטן; דו וועסט אפילו נישט כאפן ווי ווייט דו ביסט פונעם אייבערשטן, אבער אז מען ווערט מקורב צו א צדיק נעמט ער קודם אוועק איין הסתרה, אז איך זאל וויסן אז איך בין ווייט, און אז איך הייב אן צו זעהן אז איך בין ווייט דארף איך מורא'דיגע התחזקות, דערפאר איז ביים רבי'ן דא מורא'דיגע

הִתְחַזְקוּת, און אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל און עֶר נוּצְט גוּט אוֹיס דִי הִתְחַזְקוּת קֶען עֶר וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

## ג.

## כִּיבּוּד אָב וָאֵם

דִי וָואך גֶעפוּנֶען מִיר אוֹיךְ דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן "כִּיבּוּד אָב וָאֵם", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט יוֹסֵף הַצַּדִּיק עֶר זָאל גֵיין קוּקְן וָואס דִי בְּרוּדֶערְס מַאכְן, אִיז יוֹסֵף הַצַּדִּיק גְלַייך גֶעגַאנְגֶען פָּאלְגְן זַיין טַאטֶען, כָאטְשִׁיג עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דִי בְּרוּדֶערְס הָאבְּן אִים פַיינְט וְכוּ', זֶעהט מֶען פוּן דֶעם וִוי וַוייט מֶען דַארְף זִיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר כִּיבּוּד אָב וָאֵם, און דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע

ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער פוּן אַלֶע יָארְגַאנְג, זֵיי זָאלְן ווִיסְן דִי ווִיכְטִיגְקַייט דֶערְפוּן.

## דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מֶער ווִי גֶערֶעכְט

צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף וֶוערְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט דָאס וָואס עֶלְטֶערְן טוּעֶן זִיךְ אַקֶעגְן שְׁטֶעלְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט גֵיין צוּ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידִים, מִיט דִי טַעֲנָה אַז זֵיי זֶענֶען אַ בַּאנְדֶע מְשׁוּגָעִים וְכוּ׳, ווִידֶער דִי קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן פוּן זֵיי הָאבְּן, אָבֶער בְּאֶמֶת הָאבְּן דִי עֶלְטֶערְן אַ פָּשׁוּטֶע טַעֲנָה: מִיר ווִילְן נִישְׁט אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן מְשׁוּגָעִים. וֶוען אִיר וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם הָאבְּן גְרוֹיסֶע קִינְדֶער וֶועט אִיר אוֹיךְ פּוּנְקְט אַזוֹי נִישְׁט וֶועלְן אַז אֵייעֶר קִינְד זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן מְשׁוּגָעִים, יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע ווִילְן דָאס שֶׁענְסְטֶע אוּן דָאס

בֶּעסְטֶע פוּן דִי קִינְדֶער, זֵיי ווילְן נָאר הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער אוּן נִישְׁט אַז דִי קִינְד זָאל זִיך דְרֵייעֶן צְווִישְׁן מְשׁוּגָעִים, אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גֶערֶעכְט לוֹיט וָואס זֵיי וֵוייסְן.

## פַארְוָואס הָאט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אַזוֹי פַיינְט דֶעם רֶבִּי׳ן?

אָבֶער לָאמִיר דָאס אַבִּיסְל צוּנֶעמֶען, עֶרְשְׁטֶענְס פוּן וואוּ נֶעמְט זִיך בִּכְלָל וָואס מֶען הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַזַא נָאמֶען אַז בְּרֶסְלֶב זֶענֶען מְשׁוּגָעִים? נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז׳ מִזְבוּב וְעַכְבִּישׁ) אַז פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם גֶעמַאכְט אַ רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל אִין הִימְל: אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט הָאבּ אִיך נִישְׁט מֶער וָואס צוּ זוּכְן דָא!

פַארְוָואס? וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ בַּאקוּמֶען דִי הַקְדָמוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן גָאר אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן, מֶען וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט שׁוֹין פוּן אַלְץ קִינְד מִיט גוּטֶע הַקְדָמוֹת, מֶען לֶערְנְט אוֹיס אַ קִינְד אַז עֶר קֶען נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן אָנְהוֹיבְּן זָאגְן אִין דִי רֵייעֶ, וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר דִי נְשָׁמָה, אוּן אַז אַ קִינְד הֵייבְּט אָן צוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת הָאט עֶר אַזַא שִׂמְחָה דֶערְפוּן אַז עֶר זָאגְט נָאך אוּן נָאך מִיט חֵשֶׁק, צוּבִּיסְלֶעך לֶערְנְט מֶען אִים אוֹיס דִי טַייטְשׁ אוּן פְּשַׁט, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר צוּבִּיסְלֶעך אַלֵיין אוֹיךְ אוֹיף הִיפְּשׁ זַאכְן וָואס עֶר לֶערְנְט, בִּפְרַט אַז מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין יוּנְגֶע בָּחוּרִים דֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו; וּבַּאֲרִיכוּת בְּקוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד) הָאבְּן זֵיי אַזַא חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אַז זֵיי ווילְן שׁוֹין נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה, אוּן

אַזוֹי לֶערְנְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וַואקְסְט אוֹיף מִיט שְׁטַארְקַייט אַז מֶען אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן, יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען פַארְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ דָאס הִתְחַזְקוּת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שַׁיינְט אַרַיין, אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, עֶר וַוייזְט וִוי יֶעדֶער אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְוֹות וִוי אַזוֹי עֶר זָאל נָאר אוֹיסְקוּקְן וְכוּ׳, נוּ אַוַודַאי הָאט דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם גֶעשְׁרִיגְן אַז אוֹיב דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מֶער וָואס צוּ זוּכְן דָא, וַוייל דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּנֶעם סַמֶ״ךְ-מֶ״ם אִיז נָאר צוּ בַּאהַאלְטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, בִּיז אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס אַזוֹיפִיל

מָאל אַז עֶר בַּאשְׁלִיסְט טַאקֶע, אִיךְ טוֹיג נִישְׁט פַּאר גָארְנִישְׁט, נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען און נִישְׁט צוּ גָארְנִישְׁט, און פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אַ צַדִיק עֶר דְרֵייט דִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער, עֶר וַוייזְט דִיר אַז דוּ קֶענְסְט יָא מַצְלִיחַ זַיין, דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ לֶערְנֶען, דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ דַאוְונֶען, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער דוּ בִּיסְט און וָואס דוּ בִּיסְט, אָדֶער וָואסְפַּארַא קָאפּ דוּ הָאסְט, וָואסְפַּארַא פַּארְגַאנְגֶענְהַייט דוּ הָאסְט, זָאל דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם נִישְׁט מַאכְן אַ גֶעשְׁרֵיי?!

## וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אוֹיף אַלֶע אַוֶועק גֶעפַאלֶענֶע קִינְדֶער?

[דָא אִיז דִי פְּלַאץ צוּ דֶערְמַאנֶען וִוי שְׁטַארְק עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נָאר אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן קִינְדֶער, הַיינְט צוּטָאגְס אַז מֶען קְלַאפְּט אַרָאפּ קִינְדֶער זֶעגֶען דִי

קָאנְסֶעקְוֶוענְצְן זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, לֵיידֶער אִיז הַיינְט דָא אַ מַגֵיפָה פוּן טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים׳לֶעךְ פוּן דְרַייצְן פֶּערְצְן אוּן פוּפְצְן יָאר וָואס לָאזְן אָפּ אִידִישְׁקַייט רַחְמָנָא לִצְלָן, אַוַודַאי נָאכְדֶעם שְׁפִּילְט עֶר זִיךְ שׂוֹין אוֹיךְ מִיט אִינְטֶערְנֶעט אוּן אַלֶע עֶרְלֵיי טְרֵפָה׳נֶע פָּאוּנְס, עֶר מוּז דָאךְ עֶפֶּעס טוּהן, אָבֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ דָאס אוֹיסְדְרוּקְלֶעךְ נָאר וַוייל מֶען הָאט אִים אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, דִי מֶערְסְטֶע קוּמְט דָא אַריין דֶער מְלַמֵד, אַ מְלַמֵד וָואס מֶען גֶעבְּט אִים אִיבֶּער קִינְדֶער טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ אַ מוֹרָא׳דִיגְן אַחְרַיוּת, וַוייל אָדֶער בּוֹיעֶט עֶר אוֹיף דֶעם קִינְד אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וָואס דֶער שְׂכַר דֶערוֹיף אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן, אָדֶער הַרְגֶעט עֶר אָפּ דֶעם קִינְד אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אוּן עֶר אִיז אַ פָּשׁוּטֶער רוֹצֵחַ, אַ מְלַמֵד וָואס שְׁלָאגְט אוּן הַאקְט

קִינְדֶער, טֵיילְט פְּרַאסְקֶעס רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, טָאר בִּכְלַל נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד, „אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד צֶען יָאר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אַז אִיךְ זָאל הֵייבְּן אַ הַאנְט אָדֶער אָנְרִירְן אַ קִינְד מִיט אַ פִינְגֶער", שְׁלָאגְן אַ קְלֵיין קִינְד פוּן זִיבְּן אַכְט יָאר אִיז חִינוּךְ? אָפְּגֶערֶעדְט אַ בָּחוּר פוּן דְרַייצְן פֶערְצְן יָאר, הַאקְן זֶעצְן אוּן שְׁטוֹיסְן? אוּן פַארְוָואס? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי רַשִׁ"י, אוֹיף דֶעם קוּמְט בִּכְלַל פֶּעטְשׁ? אַז עֶר קֶען נִישְׁט זֵיי אִים נָאכְאַמָאל מַסְבִּיר ווִילַאנְג עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין, אוּן אַז עֶר הָאט אַ שְׁוֶועְרְן קָאפּ פַארְלַאנְג נִישְׁט פוּן אִים אַזוֹיפִיל, אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג: אַ מְלַמֵד וָואס אִיז נֶערְוֶועז אוּן עֶר הָאט לוֹיזֶע הֶענְט אִיז זַיין בֶּעסְטֶע פְּלַאץ צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי סַאנִיטַאצִיעֶ [מִיסְט] דֶעפַּארְטְמֶענְט! אוֹיב מֶען וֶועט אִים דָארְט יָא

אָנְנֶעמֶען... הַיינְט צוּ קֶענֶען צַאמְנֶעמֶען דִי גַארְבִּידְשׁ דַארְף מֶען הָאבְּן אַ דִיפְּלָאמֶע אַז מֶען אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע הַיי סְקוּל יָארְן... אָבֶער אוֹיבּ עֶר וֶועט יָא וֶוערְן בַּארֶעכְטִיגְט צוּ אַרְבֶּעטְן פַאר דִי מִיסְט, דָארְט וֶועט עֶר קֶענֶען אַרַיינְוַוארְפְן דִי מִיסְט קַאנֶעס אִינֶעם טְרָאק אַרַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רְצִיחָה, אוּן דֶערְנָאך גֶעבְּן אַ וַוארְף צוּרִיק מִיט רְצִיחָה... אָבֶער נִישְׁט מִיט קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא׳דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, לֵיידֶער גֶעבְּט מֶען נִישְׁט גֶענוּג אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם, מֶען דֶערְנִידֶערְט קִינְדֶער, מֶען צוּקְלַאפְּט קִינְדֶער, נָאכְדֶעם וואוּנְדֶערְט מֶען זִיך אַז אַזוֹיפִיל טוֹיזֶענְטֶער הֵיימִישֶׁע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעך גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַּרְבּוּת רָעָה, וָואס שׁוּלְדִיג זֶענֶען נָאר דִי קַאלִיקֶע מְלַמְדִים אוּן מְחַנְכִים.]

## דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה

דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט: עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט, אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דוּ גֵיי גֶעבּ דִיךְ אַן עֵצָה! אִיז זִיךְ דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, בִּיז דֶערְוַוייל הָאט מֶען בַּאשְׁוואוֹירְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס נְשָׁמָה וְכוּ׳, אוּן עֶר אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען, הָאט מֶען גֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם נָאךְ אִים, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט עֶר צוּרִיק צוּזַאמֶען מִיט אַן אַלְטְן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם אוּן זֵיי לַאכְן, אוּן עֶר רוּפְט זִיךְ אָן: דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפְּקוּמֶען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה. דַאן אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס נְשָׁמָה אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעזָאגְט: זַיין עֵצָה אִיז גֶעוֶוען אַז מֶען וֶועט אָפְּלַאכְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

## וֶוער זֶענֶען דִי אֶמֶת׳עֶ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידִים?

מֶען זֶעהט בְּחוּשׁ ווִי דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם טוּט אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט אַז בְּרֶסְלֶב זָאל זַיין אַ לֵיצָנוּת און אַ גֶעשְׁפֶּעט אִין מֶענְטְשֶׁענְס אוֹיגְן, דֶערְפַאר הָאט עֶר אוֹיךְ צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט מְשֻׁגָעִים וּמְטֹרָפִים וָואס טַאנְצְן אוֹיף דִי גַאסְן וְכוּ׳, און הָאבְּן בְּאֶמֶת נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן און צוּ בְּרֶסְלֶב, דֶער עִיקָר אַז אִין גַאס זָאל מֶען זָאגְן "בְּרֶסְלְבֶער מְשׁוּגָעִים", און ווִידֶער דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס פִירְן זִיךְ עֶרְנְסְט און בַּאשֵׁיידְן, זִיצְן און לֶערְנֶען פְּלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און שְׁטִילֶערְהֵייט שְׁפַּאצִירְן זֵיי דוּרְךְ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, פוּן זֵיי וֵוייסְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן, פַארְקֶערְט דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם מַאכְט זִיכֶער אַז אוֹיף דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן זָאל מֶען זָאגְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי עֶכְטֶע בְּרֶסְלֶב׳עֶר... אַוַודַאי ווִילְן נִישְׁט

נָאכְדֶעם דִי עֶלְטֶערְן זַייעֶר קִינְד זָאל זִיךְ דָארְט דְרֵייעֶן, אָבֶער וֶוען עֶלְטֶערְן זָאלְן זֶעהן אַ קִינְד וָואס עֶר וֶוערְט בְּאֱמֶת מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי עֶר וֶוערְט אַן עֶרְנְסְטֶער בָּחוּר, עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן עֶר הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי תּוֹרָה, אָדֶער וִוי אַ אִינְגֶערְמַאן וֶוערְט אַן עֶרְנְסְטֶער אִינְגֶערְמַאן, זַיין גַאנְצֶע הַנְהָגָה טוּישְׁט זִיךְ, זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶער שָׁלוֹם בַּיִת, אַלֶעס פִירְט זִיךְ מִיט אֵיידְלְקַייט אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶוען עֶלְטֶערְן זָאלְן דָאס וִויסְן וָואלְטְן זֵיי אַהִינְגֶעטְרָאגְן דֶעם קִינְד אוֹיף אַ גָאלְדֶענֶעם טַאץ.

## אִין גֶעשֶׁעפְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'ן חָסִיד

וִויפִיל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פַארְצֵיילְן פוּן אוּנְזֶערֶע אֱמֶת'ע לַייט, עֶרְלִיכֶע בַּאשֵׁיידֶענֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, וָואס אַסַאך פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט

סטארס אדער ביזנעסער, און פונדעסטוועגן האבן זיי געהאט אין סטאר גרייט א משניות, עין יעקב, תהלים, און ווען עס איז נישט געווען קיין קאסטומערס האבן זיי אריינגעכאפט צו לערנען וויפיל מען האט געקענט, אזוי אויך האט מען געערעדט צום אייבערשטן אינמיטן ארבעט ווען מען האט נאר געקענט.

## מיר פעלט יא דעם בית המקדש

צווישן אונזערע לייט איז געווען א פשוטער איד רבי נחום שוסטער [א ברודער פון רבי נחמן שוסטער (שטארקעס) די זיידע פון יוסעלע שוכמאכער], אבער ער האט מיט זיין ערליכקייט און תמימות מקרב געווען גרויסע לומדים און מקובלים, ווי צום ביישפיל דער סאקאלובער רב און נאך, ווען ער איז נאך געווען א בחור אין ישיבה איז זיין סדר געווען אז חצות ביינאכט

הָאט עֶר גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע גֶעוֵויין וִוי אַ נִפְטָר וָואלְט גֶעלִיגֶען פַאר אִים, זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט גוּט לֶערְנֶען וְכוּ׳, אוּן הָאבְּן לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן אִים: זָאג נָאר - עֶס טוּט דִיר טַאקֶע אַזוֹי וֵויי אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ בֵּית הַמִקְדָשׁ? הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט בִּתְמִימוּת: אִיר קֶענְט גוּט לֶערְנֶען אוּן גוּט דַאוֶוענֶען בָּרוּךְ הַשֵׁם, דֶערְפַאר פֶעלְט אַייךְ נִישְׁט אוּיס דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶער אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אַן עַם הָאָרֶץ וָואס אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָא לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת וְכוּ׳, דֶערִיבֶּער וֵויין אִיךְ: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הָאבּ שׁוֹין רַחְמָנוּת, הֶעלְף עֶס זָאל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ, וֶועט מֶען דָארְט מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיךְ קֶענֶען מַקְרִיב

זַיין אַ קָרְבָּן. זַיינֶע תְּמִימוּת׳דִיגֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט אַזַא רוֹשֶׁם אוֹיף דִי בָּחוּרִים אַז אַסַאך פוּן זֵיי זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

## דִי דַאֲגָה פוּן אַ שׁוּסְטֶער

עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט הַרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה וֶוער דֶער רֶבִּי נָחוּם שׁוּסְטֶער אִיז גֶעוֶוען, אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַריינְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָחוּם עֶר זָאל אִים פַארְרֶעכְטְן דִי שִׁיך, וִוי עֶרְשְׁטוֹינְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַז רֶבִּי נָחוּם הַאלְט אִינְמִיטְן קְלַאפְּן נֶעגְלֶעך אִין שִׁיך, אוּן עֶר זִינְגְט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן דְבֵקוּת (תְּהִלִים קיט, נט): חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדֹתֶיךָ; אוּן עֶר בֶּעט זִיך בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער וָואס וֶועט גֵיין מִיט דִי שִׁיך זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין אִין קַיין שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעצֶער, עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר גֵיין

אִין בֵּית מֶדְרָשׁ, אוּן אַזוֹי רֶעדְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן גֶעפִיל אַז עֶר הָאט נִיטְאַמָאל בַּאמֶערְקְט אַז עֶמִיצֶער אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, פְּלוּצְלִינְג גִיט עֶר זִיךְ אַ הֵייבּ אוֹיף דֶעם קָאפּ אוּן עֶר זֶעהט וִוי אֵיינֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט, זָאגְט עֶר אִים, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה אַייךְ צוּ פְרֶעגְן: אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ מוּז שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער אִיךְ רִיר אָן דִי שִׁיךְ, וִויל אִיךְ וִויסְן צוּ אִיךְ דַארְף זִיךְ אַלְץ וַואשְׁן דִי הֶענְט? פַאר מִיר אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ וַואשְׁן שְׁטֶענְדִיג דִי הֶענְט וַוייל אִיךְ הַאלְט אוּן אֵיין פַארְרֶעכְטְן דִי שִׁיךְ, וָואס דַארְף אִיךְ טוּהן?!... דֶער אִיד אִיז גֶעוָוארְן מוֹרָא׳דִיג אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן זַיין תְּמִימוּת.

## די תפלה פונעם מקוה איד

אזוי אויך פארציילט מען אויף איינער פון אונזערע לייט וואס ער איז געווען א מקוה איד, האט מען אמאל געהערט ווי ער בעהט דעם איבערשטן בשעת'ן מאכן די מקוה: רבונו של עולם! ווער עס וועט זיך טובל'ען אין דעם מקוה זאל האבן אזא הרהור תשובה אז ער זאל ווערן א נייע מענטש און זיך אינגאנצן טוישן; דאס איז געווען זיין גאנצע דאגה בשעת'ן אנגרייטן די נייע מקוה.

### פארוואס קריגט מען פונקט אויף אים?

אוודאי ווער עס לערנט דאס אויס וועט אויף אים זיין מחלוקת, ווייל וואו עס איז דא קדושה מוז זיך דער סמ"ך-מ"ם פארלייגן אקעגן דעם, אבער ווער עס האט

אַבִּיסְל שֵׂכֶל פַארשְׁטֵייט גְלַייךְ, פַארְוָואס פּוּנְקְט אוֹיף אִים אִיז דָא מַחְלוֹקֶת אוּן אוֹיף אַן אַנְדֶערְן נִישְׁט, מוּז זַיין אַז דָא אִיז דָא עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה, כָּאטְשִׁיג אִין דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען פַארְקֶערְט, אַז וֶוען מֶען זֶעהט אַ בַּאוואוּסְטֶער צַדִיק וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מַחְלוֹקֶת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז גְרוֹיס, אוּן דָארְט וואוּ עֶס אִיז דָא מַחְלוֹקֶת מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג, אָבֶּער אִין אֶמֶת׳ען אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, וואוּ עֶס אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע קְדוּשָׁה אוּן מֶען קֶען מֶער הֶעלְפְּן מֶענְטְשְׁן דַוְקָא דָארְט אִיז דָא מֶער מַחְלוֹקֶת, אוּן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד וֶועט מֶען זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת... אוּן פַאר אֵיינֶעם וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְן רֶבִּי׳נְס סְפָרִים אוּן עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, קֶען מֶען אִים טַאקֶע אַיינְרֶעדְן וָואס מֶען וִויל, אָבֶּער אַז אֵיינֶער קוּקְט

מִיט אַן אֶמֶת אוֹיג קֶען עֶר דָאך זֶעהן דִי מוֹרָא׳דִיגֶע פְּעוּלוֹת וָואס מֶען טוּט דָא, אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיי גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיך אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט אַז נִיטְאַמָאל קַיין תְּפִלִין הָאט עֶר גֶעלֵייגְט, [כָאטְשִׁיג פוּנְדְרוֹיסְן הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזֶעהן ווִי אַ שֵׁיינֶער חֲסִידִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן...] אוּן הַיינְט אַדַאנְק דִי הִתְחַזְקוּת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס קוּמְט עֶר שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵׁם אִין בֵּית מֶדְרָשׁ דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעך הָאט זִיך זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט, אוּן אַזוֹי יֶעדֶער וָואס עֶר וֶוערְט מְקוּרָב אוּן עֶר פָּאלְגְט בִּתְמִימוּת וֶוערְט עֶר דָאך אִינְגַאנְצְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אוֹיב אַזוֹי וָואס אִיז שַׁיָיך צוּ קְרִיגְן אוֹיף דֶעם ? נָאר דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם מַאכְט זִיכֶער אַז נָאר פוּן דִי נַארִישְׁקֵייטְן זָאל מֶען ווִיסְן אוּן

נִישְׁט פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן אוּן פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶּער אַז אֵיינֶער מֵיינְט דָאס אֶמֶת׳דִיג וֶועט מֶען אִים נִישְׁט קֶענֶען פַארְנַארְן, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף אַזַא לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס בְּרֶענְגְט יֶעדְן אִיד נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## וֶוער עֶס לָאזְט זִיךְ מֶער אַרָאפּ הָאט אוֹיף זִיךְ מֶער מַחְלוֹקֶת

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר שׁוֹין אוֹיך בַּיי דִי מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן דִי בְּרוּדֶער מִיט יוֹסֵף, כָאטְשִׁיג מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים, עֶס שְׁטֵייט פוּן שֵׁבֶט מוּסָר (סוֹף פֶּרֶק יא) אַז אֲפִילוּ מִיר זָאלְן לֶעבְן טוֹיזֶענְט יָאר וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען מַשִׂיג זַיין דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶער פוּן דִי שְׁבָטִים. דָאך הָאבְּן זֵיי גֶעקְרִיגְט אוֹיף יוֹסֵף, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז

מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבּוֹקֶר הֲלָכָה ד, אוֹתִיּוֹת טז-יז), אַז יוֹסֵף הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ אַלֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּן שְׁטֶענְדִיג מְקָרֵב זַיין וָואס מֶער מֶענְטְשְׁן אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן, דָאס אִיז אוֹיךְ מְרַמֵּז זַיין נָאמֶען "יוֹסֵף", וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ל, כד): יוֹסֵף ה' לִי בֵּן אַחֵר - שְׁטֶענְדִיג מְקָרֵב זַיין נָאךְ אַ אִיד אוּן נָאךְ אַ אִיד. אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶע'חַבֶר'ט מִיט דִי קִינְדֶער פוּן בִּלְהָה אוּן זִלְפָּה וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַרָאפְּגֶעקוּקְט, מֶען הָאט זֵיי גֶערוּפְן "בְּנֵי הַשְּׁפָחוֹת", אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ זֵיי אוּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען, וְוידֶער דִי שְׁבָטִים הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז מֶען דַארְף זִיךְ בְּעִיקַר אָפְּגֶעבְּן נָאר מִיט דִי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן נִישְׁט זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי פְּשׁוּטֶע צוּבְּרָאכֶענֶע דֶערְוַוייטֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן, דֶערְפַאר הָאבְּן

זַיי גֶעקְרִיגְט אוֹיף יוֹסֵף אוּן אִים זַייעֶר מְקַנֵא גֶעוֶועןְ, בִּיז זַיי הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ'ענֶען רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דָאס אִיז דִי סִבָּה פוּן אַלֶע מַחְלוֹקֶת אֲפִילוּ פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוֹיף דִי גָאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען מְקָרֵב רְחוֹקִים, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע קִטְרוּג אַז דִי מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען מֶען אִיז מְקָרֵב הָאבְּן שׁוֹין גֶעטוּהן אַזֶעלְכֶע עֲבֵירוֹת אַז זַיי זֶענֶען נִישְׁט רָאוּי מֶען זָאל זַיי מְקָרֵב זַיין, אָבֶּער דִי אֱמֶת'דִיגֶע צַדִיקִים קוּקְן נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער וֶוערְט אַ קִנְאָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיף זַיי, אָבֶּער וואוּיל אִיז דֶער וָואס קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת אוֹיג אוּן פַארְשְׁטֵייט וָואס דָא קוּמְט פָאר אוּן עֶר קְרִיגְט נִישְׁט.

## ד.

## וָואס הֵייסְט אַ חָבֵר

נָאכְדֶעם גֶעפוּנֶען מִיר (בְּרֵאשִׁית לח) אַז וֶוען מֶען הָאט פַאְרקוֹיפְט יוֹסֵף הָאבְּן דִי בְּרוּדֶער פַארְטְרִיבְּן יְהוּדָה, מִיט דִי טַעֲנָה אַז עֶר הָאט אַלֶעס אָנְגֶעוֶוערְטְשַׁאפְט וַוייל עֶר הָאט גֶעהֵייסְן פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף, אָבֶער יְהוּדָה הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען בִּיז צוּ אַ שְׁטָאט עֲדֻלָּם, דָארְט הָאט עֶר זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ 'חִירָה' אוּן מִיט אִים גֶעמַאכְט גֶעשֶׁעפְטְן, אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן גֶעהַאט אַפָּאר קִינְדֶער, אָבֶער דִי קִינְדֶער זֶענֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן מוֹצִיא גֶעוֶוען זֶרַע לְבַטָלָה וָואס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע עֲבֵרָה (נִדָּה דַף יג ע"א; זֹהַר וַיֵּשֶׁב דַף קפח ע"א; וְעַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עא), שְׁפֶּעטֶער

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט זַיין שְׁנִיר תָּמָר [כָאטְשִׁיג מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען וַוייל פוּן דֶעם אִיז נָאכְדֶעם אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מָשִׁיחַ (עַיֵן בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פַּרְשָׁה פה, אוֹת א)], אָבֶער דָא גֶעפוּנֶען מִיר אַז דִי תּוֹרָה רוּפְט שׁוֹין אָן חִירָה "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָמִי" - עֶר אִיז אַ גוּטֶער פְרַיינְד פַאר יְהוּדָה.

## מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן

דֶער תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז מִיט דֶעם אוֹיס אַ מוֹרָא'דִיגֶע וִויכְטִיגֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן, אַז מֶען קֶען קֵיינֶעם אִין דִי וֶועלְט נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי אַ גוּטֶער פְרַיינְד, סְפֶּעצִיעֶל אַז יֶענֶער וִויל פוּן דִיר גֶעלְט אִיז עֶר אַ פָּשׁוּטֶער לִיגְענֶער, זַיין גַאנְצֶער פְרַיינְדְשַׁאפְט בַּאשְׁטֵייט נָאר אוֹיף אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דִיר גֶעלְט אוּן גָארְנִישְׁט מֶער... דָאס דַארְף מֶען גוּט גֶעדֶענְקֶען אוּן

חַזֶר'ן, וַוייל לֵיידֶער אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפְּגֶעבְּרִיהט גְלֵייבֶּענְדִיג זֵייעֶר נָאנְטֶע אוּן בַּאקַאנְטֶע, אוּן נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּנֶעם פְּלָאנְטֶער.

## עֶר אִיז טַאקֶע אַ גוּטֶער פְרַיינְד

אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דָאךְ וִויסְן אַז אֵיינֶער אִיז מִיר יָא אַ אֶמֶת'עֶר גוּטֶער פְרַיינְד? אוֹיב וֶוען דוּ בִּיסְט אִין אַ צָרָה אוּן פַארְשֶׁעמְט בַּיי יֶעדְן, קֵיינֶער וִויל אֲפִילוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר, אוּן אֵיינֶער אִיז דֶעמָאלְטְס אוֹיךְ גְרֵייט דִיר צוּ הֶעלְפְן, עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר דִיר, עֶר מַאכְט צוּ דִי גְמָרָא אוּן לֵייגְט אַלֶעס אִין דֶער זַייט אַבִּי דִיר צוּ הֶעלְפְן, דֶער אִיז דִיר אַן אֶמֶת'עֶר גוּטֶער חַבֶר, וַוייל דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואלְט דִיר אוֹיךְ גֶעקֶענְט זָאגְן: טוּה מִיר אַ טוֹבָה אוּן גֵיי צוּ אַן אַנְדֶערֶען, נֶעם מִיךְ נִישְׁט

אַוֶועק מַיין טֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע צַייט! אָבֶער נֵיין, אִים גֵייט אִין לֶעבְּן צוּ הֶעלְפְן אַ אִיד אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז צוּשַׁאנְד און צוּשְׁפָּאט און קֵיינֶער ווִיל אִים נִישְׁט קֶענֶען, דֶער אִיז טַאקֶע אַן אֶמֶת׳עֶר גוּטֶער פְרַיינְד, וַוייל עֶר גֵייט מִיט דִיר שְׁטֶעְנְדִיג מִיט און לָאזְט דִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאלְן.

## גֶעב אַכְטוּנְג דַיין אַלֶע פְרַיינְד מֵיינֶען נָאר זִיךְ

וֶועגְן דֶעם נָאר נָאכְדֶעם וֶוען יְהוּדָה הָאט גֶעהַאט צָרוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְשֶׁעמְט פַאר דִי גַאנְצֶע גַאס אַז עֶר הָאט גֶעהַאט צוּטוּהְן מִיט זַיין שְׁנִיר, און דָאךְ הָאט זִיךְ חִירָה נִישְׁט אָפְּגֶעשָׁאקֶלְט פוּן אִים, נָאר וַוייטֶער גֶעשְׁטַאנֶען צוּ זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט און פְּרוּבִּירְט וָואס עֶר קֶען נָאר הֶעלְפְן פַאר זַיין גוּטֶער פְרַיינְד, דַאן רוּפְט אִים דִי תּוֹרָה אָן אַלְץ חַבֵר פַאר יְהוּדָה, אָבֶער פַארְדֶעם וֶוען עֶר הָאט גֶעמַאכְט בִּיזְנֶעס מִיט יְהוּדָה אִיז נָאךְ בִּכְלַל

נִישְׁט קַיין רַאַיָה אַז עֶר אִיז זַיין חַבֶר; מִיט דֶעם הָאבּ אִיך גֶעטַייטְשְׁט דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב, ג): ״הֱווּ זְהִירִין בָּרָשׁוּת״ - בַּיי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן זָאלְסְטוּ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן; פַארְוָואס? ״שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לָאָדָם אֶלָּא לְצֹרֶךְ עַצְמָן״ - זַיי זֶענֶען מִיט דִיר נָאנְט נָאר פַאר זַייעֶר אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסֶע; ״נִרְאִין כְּאוֹהֲבִין בִּשְׁעַת הֲנָאָתָן״ - וִוילַאנְג זַיי קֶענֶען פוּן דִיר הַנָאָה הָאבְּן שְׁטֶעלְן זַיי זִיךְ אַהֶער וִוי גוּטֶע פְרַיינְד; אָבֶער, ״וְאֵין עוֹמְדִין לוֹ לָאָדָם בִּשְׁעַת דָּחְקוֹ״ - אֵיינְמָאל זַיי זֶעעֶן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, דוּ בִּיסְט אַ פָּשׁוּטֶער אָרִימֶער שְׁנָארֶער, ווילְן זַיי דִיר אֲפִילוּ נִישְׁט קֶענֶען.

## אַ גוּטֶער פְרַיינְד אִיז נָאר דֶער צַדִיק

אַ גוּטֶער פְרַיינְד הֵייסְט אַז וֶוען אִיךְ לִיג אִין בְּלָאטֶע אוּן קֵיינֶער וִויל מִיר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, קֵיינֶער וִויל מִיר

נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, נָאר אֵיינֶער לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ מִיר, אוּן עֶר אִיז מִיר מְזַכֶּה אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י יֶעדְן טָאג, אִיךְ זָאל אוֹיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַז בִּיז שַׁבָּת זָאל אִיךְ עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה, אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ זָאל לֶערְנֶען גְמָרָא, אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מֶדְרָשׁ, אִיךְ זָאל לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ, בְּשַׁעַת אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין מֶדְרָשׁ, קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן יֶעצְט הָאט עֶר מִיר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ חַיוּת דָאס צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוָואלְט דַאוְונֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעפִיל צוּ דַאוְונֶען אוּן יֶעצְט וִויל אִיךְ שׁוֹין דַאוְונֶען, דָאס הֵייסְט אַ אֱמֶת׳ער גוּטֶער פְרַיינְד, וַוייל אַ גוּטֶער פְרַיינְד אִיז נָאר דֶער צַדִיק.

## ה.

## יוֹסֵף הַצַדִיק רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ

נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט יוֹסֵף זֶעהט מֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אַז יוֹסֵף הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַ פְרֶעמְד שְׁמוּצִיג לַאנְד וִוי מִצְרַיִם, טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט דָארְט מִיטְגֶעמַאכְט, וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ טַאקֶע דֶערְהַאלְטְן? צְוֵויי זַאכְן גֶעפוּנֶען מִיר וָואס יוֹסֵף הָאט גֶעטוּהן אוּן דָאס הָאט אִים דֶערְהַאלְטְן, אֵיינְס: עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב ח), דֶער מִצְרִי הָאט גֶעזֶעהן וִוי אַזוֹי יוֹסֵף שָׁאקְלְט שְׁטֶענְדִיג זַיין לִיפְּן, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: וָואס טוּסְטוּ מִיט דִי לִיפְּן, דוּ מַאכְסְט מִיר כִּישׁוּף? זָאגְט יוֹסֵף: נֵיין, אִיךְ רֶעד פָּשׁוּט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעהְט

אִים אַז דִי עֶסְן אוּן טְרוּנְקְן וָואס אִיךְ בְּרֶענְג אַרַיין זָאל זַיין לוֹיט דַיין גֶעשְׁמַאק אוּן וִוי אַזוֹי דוּ ווִילְסְט, אוּן אַזוֹי בֶּעהט אִיךְ יֶעדֶע זַאך פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

## לָאמִיר זֶעהן פוּן וָואס דוּ רֶעדְסְט

שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית לט, ג): וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ – דֶער מִצְרִי הָאט גֶעזֶעהן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט יוֹסֵף. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְּרַאגֶע: דֶער מִצְרִי הָאט דֶען אַמָאל גֶעזֶעהן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאגְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט אִים?! נָאר עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז יוֹסֵף רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵּין תַּנְחוּמָא שָׁם). אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען דוּרְך וָואס עֶר רֶעדְט, רֶעדְט עֶר שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַ סִימָן אַז דָאס טְרַאכְט עֶר אוּן דָארְט אִיז עֶר, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה וֶועט עֶר זִיךְ פַארְרֶעדְן צוּ עֶר ווִיל

יָא צוּ עֶר וִויל נִישְׁט, עֶר דְרֵייט אַהֶער אוּן אַהִין אָבֶּער עֶר רֶעדְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פוּן גֶעלְט, אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַ וֶוערְטְל אַז אֲפִילוּ בַּיים דַאוֶונֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג בֶּעהְט מֶען נָאר אוֹיף גֶעלְט: וּבְכֵן - מֵיינְט גֶעלְט; צַדִיקִים - מֵיינְט גֶעלְט; יִרְאוּ - זֶעהט עֶר גֶעלְט; וַיִשְׂמְחוּ - זֶעהט עֶר גֶעלְט; וַוייל אַז אֵיינֶער וִויל גֶעלְט קֶען עֶר גֶעבֶּען אַלֶעס אוֹיסְטַייטְשְׁן אוֹיף גֶעלְט אוּן וַוייטֶער גֶעלְט. נָאך אַ וֶוערְטְל זָאגְט מֶען נָאך אַז אֵיינֶער פוּן דִי בַּעֲלֵי מוּסָר הָאט זִיךְ אַמָאל בַּאקְלָאגְט פַאר אַ רֶבִּי: פַארְוָואס נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאב גֶעזָאגְט אַזַא וַוארֶעמֶע הִתְעוֹרְרוּת דְרָשָׁה אוּן גֶעמַאכְט יֶעדֶעם וֵויינֶען הָאט קֵיינֶער גָארְנִישְׁט כִּמְעַט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם צְדָקָה טֶעלֶער וָואס אִיךְ הָאב צוּגֶעגְרֵייט, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ רֶבִּי בַּאוַוארְפְט מֶען אִים מִיט גֶעלְט?

וָואס אִיז דִי סוֹד וָואס לִיגְט אִין דֶעם? הָאט עֶר אִים מַסְבִּיר גֶעוֶועֶן זֵייעֶר פָּשׁוּט, דוּ הַאלְטְסְט אוּן אֵיין רֶעדְן פוּן דִי טֵייעֶרְקַייט פוּן גֶעלְט אוּן וָואס מֶען קֶען אַלְץ אוֹיפְטוּהן מִיט גֶעלְט, טְרַאכְט יֶעדֶער אֵיינֶער, אוֹיבּ גֶעלְט אִיז טַאקֶע אַזוֹי חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר וֶועל אִיך עֶס הַאלְטְן בַּיי מִיר... דֶערְקֶעגְן אִיךְ מַאך שְׁטֶענְדִיג אַוֶועק דִי גֶעלְט אוּן אִיך עֶרְקְלֶער דִי נִישְׁטִיגְקֵייט דֶערְפוּן, דֶערִיבֶּער בַּאשְׁלִיסְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיךְ אַז עֶס אִיז טַאקֶע גָארְנִישְׁט אוּן עֶר גֶעבְּט דָאס אַוֶועק גְרִינְגֶערְהֵייט. עֶס אִיז טַאקֶע נָאר אַ וֶוערְטְל אָבֶּער אִין יֶעדֶע וֶוערְטְל לִיגְט אַן אֶמֶת, אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט הָאבְּן קֵיינֶעם אוּן צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט צוּקוּמֶען, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט הַצְלָחָה אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְלָאזְט אִים נִישְׁט.

## אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ

די צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס הָאט דֶערְהַאלְטְן יוֹסֵף אִין אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן אִיז גֶעוֶוען "שִׂמְחָה"! יוֹסֵף הַצַדִיק אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעטַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה (עַיֵין בְּרֵאשִׁית רַבָּה פו, ד) אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין תְּפִיסָה אוּן בַּאשְׁמוּצְט פַאר דִי גַאנְצֶע לַאנְד הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, נָאר עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, פוּן אֵיין זַייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, נָאר אַזוֹי הָאט עֶר אַלֶעס גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה, מֶען הָאט אִים גֶעשְׁטֶעלְט צוּ וֶוערְן דֶער אוֹיפְזֶעהֶער פוּן תְּפִיסָה, וַוייל אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ אוּן עֶר בַּאקוּמְט חֵן אִין יֶעדֶענְס אוֹיגְן,

אָבֶער אֲפִילוּ אִין תְּפִיסָה הָאט עֶר זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ.

## דָא מוּז יֶעדֶער זַיין פְרֵיילִיךְ

אֵיין טָאג זֶעהט עֶר דָארְטְן צְוֵויי גוֹיִם לִיגְן אָנְגֶעזוֹיעֶרְט, פְרֶעגְט עֶר זֵיי גְלַייךְ: וָואס אִיז גֶעשֶׁעהן מִיט עֶנְק? פַארְוָואס זֶענְט אִיר הַיינְט אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג אוּן אָנְגֶעזוֹיעֶרְט? שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַן אַנְדֶערֶער וָואלְט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, וָואס גֵייט מִיר אָן אַז צְוֵויי גוֹיִם לִיגְן דָארְט מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג, אַוַודַאי אַז זֵיי זֶענֶען אַמָאל גֶעוֶוען מִינִיסְטָארֶען אוּן יֶעצְט זִיצְן זֵיי אִין תְּפִיסָה פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן... בִּכְלַל וָואס גֵייט אָן אַ אִידִישׁ בָּחוּר׳ל מִיט שֵׁיינֶע גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת אוּן מִיטְן גַאנְצְן אִידִישֶׁען חֵן אַז צְוֵויי טָמֵא׳נֶע גוֹיִם זֶענֶען מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן צוּבְּרָאכְן?! נָאר אַז אֵיינֶער

אִיז שְטֶענְדִיג פְרֵייליך און עֶר אִיז דָבוּק אִין בַּאשֶעפֶער קֶען עֶר נִישְט לַיידְן אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיז טְרוֹיעֶרִיג.

## שִמְחָה בְּרֶענְגְט דִי יְשוּעָה

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען נָאך גֶעלְט אִין אֶרֶץ יִשְרָאֵל אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו דִי רֶעגִירוּנְג הָאט נִישְט עֶרְלוֹיבְּט צוּ זַאמְלֶען גֶעלְט, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעכַאפְּט און אַרַיינְגֶעשְלֵיידֶערְט אִין אַ תְּפִיסָה דֶערְנֶעבְּן צְוִוישְן אַרַאבֶּערְס, און אִים אָנְגֶעזָאגְט עֶר זָאל דָארְט זִיצְן שְטִיל, אָבֶּער וִוי נָאר זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס הָאט עֶר זִיך גֶענוּמֶען טַאנְצְן ״קָאלָא מִן אַלַא״ [= אַלֶעס אִיז פוּן אֵייבֶּערְשְטְן], עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי אַרַאבֶּער און מִיט זֵיי גֶעמַאכְט אַ רִיקוּד ״קָאלָא מִן אַלַא, קָאלָא מִן אַלַא״, און אַלֶע הָאבְּן מִיט אִים מִיטְגֶעטַאנְצֶען, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט דֶער אוֹיפְזֶעהֶער אַרַיין מִיט רְצִיחָה, און עֶר כַאפְּט

אִים אָן מִיט בֵּיידֶע הֶענְט אוּן וַוארְפְּט אִים אַרוֹיס בִּיזְן גַאס, שְׁרַייעֶנְדִיג: גֵיי דִיר צוּרִיק פוּן וואוּ דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען, אוּן מֶער וִויל אִיךְ דִיךְ נִישְׁט זֶעהן פַאר דִי אוֹיגְן, נָאר קַיין גֶעלְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען. עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ פָּשׁוּטְן חֶשְׁבּוֹן: אִיךְ הַאלְט זֵיי דָא כְּדֵי אַרוֹיף צוּ וַוארְפְן אוֹיף זֵיי אַ פַּחַד, אָבֶער אַז יֶעדֶער טַאנְצְט אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאבּ אִיךְ דָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּהן; דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִים גֶעמוּזְט אַרוֹיסְלָאזְן. דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר נָאכְדֶעם גֶעזָאגְט דָאס הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר אַז אוֹיבּ אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ וֶועט מֶען הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה.

## ו

## עֶפֶּעס ווִיכְטִיגֶער פוּן מַחְלוֹקֶת

אוֹיף דֶער וֶועלְט דַארְף מֶען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים וָואס מֶען גֵייט דוּרְך, לֵיידֶער הֶערְט מֶען אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן, אִיךְ וֶוער קְרַאנְק נָאר פוּן הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט מִיר רַחְמָנָא לִצְלָן, יֶעצְט הָאט מֶען מִיר גֶעפְרֶעגְט צוּ מֶען זָאל אַרָאפְּנֶעמֶען אַ הַאנְט פוּן אַ יוּנְגֶע מֵיידְל? דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז אוֹיב מֶען נֶעמְט נִישְׁט אַרָאפּ דִי הַאנְט וֶוערְט רַחְמָנָא לִצְלָן פַארְגִיפְטֶעט דִי גַאנְצֶע קֶערְפֶּער! וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן? קֶען מֶען דֶען עֶנְטְפֶערְן יָא אוֹיף אַ פִּיקוּחַ נֶפֶשׁ זַאךְ?! אַן אַנְדֶערְן דַארְף מֶען דִי פוּס אַרָאפְּנֶעמֶען, וִוידֶער אַן אַנְדֶערְן הָאט מֶען אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַז עֶר הָאט יֶענֶע מַעֲשֶׂה, אוּן וִויפִיל יוּנְגֶע

קִינְדֶער זֶענֶען נֶעבֶּעך נִישְׁט גֶעזוּנְט וְכוּ׳, אוּן צוּם סוֹף הָאבְּן מִיר נָאךְ אִינְזִינֶען צוּ רֶעדְן אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן אוּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט מַחְלוֹקֶת, שְׁטֶענְדִיג בִּין אִיךְ מְעוֹרֵר אַז אַלֶע צָרוֹת קוּמְט נָאר צוּלִיבּ מַחְלוֹקֶת, עֶס אִיז שׁוֹין דִי הֶעכְסְטֶע צַייט אוֹיפְצוּהֶערְן מִיט מַחְלוֹקֶת.

## דִי אַלֶע קְלֵיינֶע תְּפִלּוֹת אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פָּשׁוּט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן, אִיךְ זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס. סְפֶּעצִיעֶל פַאר אַ אִיד גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב דַארְף עֶר אַרוֹיפְלֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיף דִי מְזוּזָה, אוּן זָאגְן דִי קוּרְצֶע תְּפִלָּה: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרוֹיס אוֹיפְן גַאס בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען עֶר קוּמְט צוּרִיק זָאל

עֶר אוֹיךְ אַרוֹיפְלֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן זָאגְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַאנְק דִיךְ אַז אִיךְ בִּין צוּרִיקְגֶעקוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. עֶס קוּקְט אֶפְשָׁר אוֹיס זֵייעֶר פָּשׁוּט אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְט, אָבֶער דִי קְלֵיינֶע פָּשׁוּט׳ע תְּפִלָּה אִיז אִין הִימְל מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב, אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דָאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם יֶעדֶע מִינוּט וואו עֶר שְׁטֵייט אוּן וואו עֶר גֵייט סְפֶּעצִיעֶל אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס, דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וִוי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע דֶעטַאל וָואס מֶען דַארְף.

## הָאב שֵׂכֶל אוּן בֶּעהְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער

סְפֶּעצִיעֶל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז דִי פְרוֹי וֶוערְט מְעֻבֶּרֶת דַארְף מֶען הַאלְטְן אוּן אֵיין בֶּעטְן אַז

דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט מִיט אַלֶע אֵבָרִים אוּן מִיט אַלֶע חוּשִׁים, אַז אַ קִינְד וֶוערְט רַחְמָנָא לִצְלָן גֶעבּוֹירְן נִישְׁט גֶעזוּנְט אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע צַעַר פוּן דֶעם – מֶען זָאל נִישְׁט גֶעפְּרוּאוְוט וֶוערְן, אַזוֹי וַוייט אַז דֶער הֵיילִיגֶער חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז "מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְהֵייבְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד פּוּנְקְט וִוי מֶען דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְן פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם אָדֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ הֶעכֶער דִי זִיבֶּעצִיג", וַוייל אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, וָואס דָאס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ דִי אַלֶע חֲדָשִׁים בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אוֹיךְ אַז אַלֶעס זָאל דוּרְכְגֵיין בְּשָׁלוֹם בַּיים גֶעבּוּרְט אוּן עֶס זָאל גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעהן; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה צוּ

אַוֶועקְוַוארְפְן דִי שֵׂכֶל אוּן לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער אוּן יֶעדֶע זַאךְ נָאר אִים בֶּעטְן אוּן אִים דַאנְקֶען, אוּן דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז גֶעוָואלְט תְּמִימוּת וּפְּשִׁיטוּת.

## זַיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת

עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ (יִתְרוֹ דַף פח ע״א) אַז אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס וֶועט זַיין אַ גַאנְצֶע וָואךְ קוּמְט אַרָאפּ שַׁבָּת. דֶערְפַאר אַז קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ חַנוּכָּה וֶוען מִיר וֶועלְן זִיךְ בַּאנַייעֶן צוּ בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאנְקֶען יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיפְצוּנֶעמֶען שׁוֹין דֶעם שַׁבָּת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אוּן יֶעדֶע רֶגַע פוּן שַׁבָּת נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ שׁוֹמֵר שַׁבָּת, אוּן וֶוען מֶען זֶעהט אוֹיפְן גַאס וִוי גוֹיִם

פָארְן אוּם שַׁבָּת אָדֶער רֵייכֶערְן אָדֶער סֵיי וָואסְפַארַא מְלָאכָה זֵיי טוּעֶן, זָאל מֶען זִיךְ מְחַיֶה זַיין אוּן דַאנְקֶן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אִיךְ פָאר נִישְׁט שַׁבָּת! גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צִיגֶרעטְל אוּן אִיךְ רֵייכֶער נִישְׁט אוּם שַׁבָּת! אַזוֹי זָאל מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן דַאנְקֶן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ בַּאזוּנְדֶער וָואס מֶען הִיט שַׁבָּת.

זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין בִּנְיָן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן דִי מְנוֹרָה זָאל שׁוֹין דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אָנְצִינְדְן, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**יואל בן ריצא רעכיל נ"י**
**וזוגתו**
**אסתר גיטל בת חיי שרה האדיא תחי'**

**וילדיהם**
**שלמה, אלחנן חיים, מרים העניא זיסל,**
**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**
**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.



בס״ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ׳ן ראש ישיבה
הרה״ג ר׳
יואל רוטה
שליט״א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק אום טיר
goodpointmediainc@gmail.com